# אהרן צייטלינס עסייען

## יצחק-באַשעוויס זינגער

אהרן צייטלין האָט געהאַט דאָס גליק געבוירן צו ווערן אין אַ שטוב ווו די פּראָבלעמען פֿון ליטעראַטור -- סטיל, שילדערונג, דיִאַלאָג -- זענען אַלע מאָל געווען אַקטועל. זײַן פֿאָטער, הלל צייטלין, איז געווען אַ באַרימטער ייִדישער זשורנאַליסט, שריפֿטשטעלער, און איך קאָן אויך צוגעבן, געלערנטער, הגם ער אַליין האָט דערויף נישט פּרעטענדירט. הלל צייטלין האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פֿון זײַן שטאָט האָמעל, ווו ער איז דערצויגן געוואָרן, די גאַנצע ייִדישע ירושה. ער האָט געלערנט אין חדרים, ישיבֿות, אין בית-מדרש. ער האָט לײַכט געקאָנט ווערן אַ רבֿ בײַ ייִדן. ער האָט פֿרי אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס צו קבלה און אויך צו חסידות, נישט אַזוי ווײַט דאָס פּוילישע חסידות, נאָר צו דעם חסידות פֿון רב שניור זלמנן פֿון ליאַדי, דער מחבר פֿון דעם ספֿר _טניא_, דער גרינדער פֿון חב״ד. הלל צייטלין האָט אויך דורכגעמאַכט אויף זײַן אייגענעם שטייגער די עפּאָכע פֿון השׂכּלה -- נישט יענע השׂכּלה וואָס האָט געפּריידיקט אַסימילאַציע, נאָר די השׂכּלה וואָס האָט געשטרעבט באַלד פֿון אָנהייב זיך אומצוקערן צו די ייִדישע וואָרצלען -- צו העברעיִש און ארץ-ישׂראל. הלל צייטלין האָט אויך שטודירט רוסיש, דײַטש און געווען אַ צײַט אַן אָנהענגער פֿון פֿרידרעך ניטשע. לויט אַלע אומשטאַנדן האָט הלל צייטלין געדאַרפֿט ווערן אַ קעגנער פֿון ייִדיש, ווי עס זענען געווען די מערסטע משׂכּילים. אָבער אַן אינסטינקט, וואָס איז שטאַרקער געווען פֿון אַלע אײַנפֿלוסן, האָט אים געזאָגט אַז מען קען זיך נישט אומקערן צו די וואָרצלען פֿון טויזנטער יאָר צוריק און פֿאַרוואָרלאָזן די וואָרצלען פֿון די לעצטע פֿינף אָדער זעקס הונדערט יאָר ייִדישע געשיכטע אין מזרח-אייראָפּע. הלל צייטלין איז געוואָרן אויף זײַן שטייגער אַ _ייִדישיסט_. דער זעלבער אינסטינקט וואָס האָט אונטערגעזאָגט הלל צייטלינען נישט מבֿטל צו זײַן ייִדיש, האָט אים אויך געזאָגט אַז ייִדיש אַליין, די בלויזע שפּראַך, קאָן קיין מאָל נישט אָפּהאַלטן דעם ייִד פֿון אַסימילאַציע..

דאָס זעלבע איז אויך גילטיק וועגן דער העברעיִשער שפּראַך און אפֿילו וועגן אַ העברעיִשער מדינה. צו בלײַבן אַ ייִד, מוז מען זײַן צוגעבונדן צו דער באַזע פֿון ייִדישקייט: גלויבן אין גאָט, אין דער תּורה און אין דער ספּעציפֿישער מיסיע פֿון ייִדישן פֿאָלק. ווער עס וויל זײַן ככל הגויים, ווערט אַ גוי.

הלל צייטלינס אידייען האָבן זיך נישט אַרײַנגעפּאַסט נישט אין ציִוניזם און נישט אין ייִדישיזם ווי הערצל, ווײַצמאַן, בן גוריִאָן, זשיטלאָווסקי און די אַנדערע ציִוניסטן און ייִדישיסטן האָבן דאָס פֿאַרשטאַנען. צייטלין האָט געוויס זיך נישט געקאָנט אַרײַנפּאַסן אין דער מאָדערנער אָרטאָדאָקסיע וואָס האָט זיך אָנגעהאַנגען מיט לײַב און לעבן אין יעדן קוצו-של-יד, אין יעדער כומרא פֿון דורות רבנים. הלל צייטלין האָט זיך פֿאַרמשפּעט באַלד פֿון אָנהויב צו אײַנזאַמקייט און צו קעגנערשאַפֿט פֿון אַלע שיכטן. אין די שפּעטערע יאָרן, ווען ייִדישע בחורים האָבן געפּרוּווט מאַכן די ייִדישע שפּראַך פֿאַר אַן אינסטרומענט פֿון מאַרקסיזם און פֿון לענעניזם און סטאַליניזם, איז הלל צייטלין אַרויסגעטרעטן ווי אַן אַקטיווער קעמפֿער אין דער ייִדישער פּרעסע אין וואַרשע. ער האָט אויך געקעמפֿט קעגן דעם פֿאַרדאָרבענעם סטיל פֿון די לינקע שרײַבער, זייערע פּוסטע מליצאס, זייער פֿאַלשן קוק אויף ליטעראַטור.

אין אַזאַ שטוב איז דערצויגן געוואָרן דער גרעסטער ייִדישער דיכטער, אהרן צייטלין. ער האָט אפֿשר נישט פֿאַרמאָגט אַזאַ גרויסע ירושה פֿון ייִדישקייט ווי זײַן פֿאָטער, אָבער דאָס וואָס ער האָט געהאַט האָט ער באַרײַכערט מיט די יאָרן. וואָס שײַך זײַן וויסן אין פֿילאָסאָפֿיע און אין וועלט-ליטעראַטור, האָט ער ווײַט איבערגעשטיגן זײַן פֿאָטער. ער איז אויך געווען אַ גרעסערער קענער פֿון העברעיִש פֿון זײַן פֿאָטער, הגם הלל צייטלינס העברעיִש איז געווען נענטער צו לשון-קדוש און במילא צו די מקורעס. איך האָב געשריבן וועגן אהרן צייטלין בײַ פֿאַרשידענע געלעגנהייטן. אַלץ וואָס איך וויל דאָ זאָגן איז, אַז צייטלין דער עסייִסט איז נישט געשטאַנען קיין האָר נידעריקער ווי צייטלין דער גאָט-געבענטשטער פּאָעט. צייטלין האָט באַוויזן אַז מען קען זײַן טיף און קלאָר -- אַזוי אין זײַן פּאָעזיע און אַזוי אין זײַנע עסייען.

עס איז געווען אין הלל צייטלין און אין אהרן צייטלין אַ סאָרט פּראָבלעם וואָס נישט דער פֿאָטער און נישט דער זון האָבן געקענט לייזן. זײַן פֿאַרבונדן מיט די מקורעס, וויסן וועגן זיי און זיי ליב האָבן, איז נישט גענוג אויפֿצוהאַלטן ייִדישקייט. מ׳האָט געדאַרפֿט אין זיי גלייבן. אָבער נישט דער פֿאָטער און דער זון האָבן אינגאַנצן געקאָנט פֿאַרזען דעם פֿאַקט אַז אַ סך פֿון די מקורות (אפֿשר אַלע) זענען די ווערק פֿון מענטשן, נישט דירעקט פֿון גאָט. גלייבן אין גאָט און גלייבן אין אַנטפּלעקונג זענען צוויי באַזונדערע זאַכן. אַוודאי האָט גאָט געקאָנט זיך אַנטפּלעקן. אָבער האָט ער זיך ווירקלעך אַנטפּלעקט? האָט ער וואָרהאַפֿטיק אָנגעזאָגט די אַלע חוקים צו משה רבינו, די נבֿיאים און אַלע יענע וואָס זענען געקומען נאָך זיי?ביידע, הלל און אהרן, האָבן צו פֿיל געוווּסט וועגן ביבל-קריטיק, וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון מענטש און חיה, וועגן דער געשיכטע פֿון מין מענטש, צו קאָנען זײַן שטרענגע אָרטאָדאָקסן. זיי האָבן אויך נישט געקענט זײַן רעפֿאָרמירטע ייִדן, קאָנסערוואַטיווע ייִדן (ווי מען פֿאַרשטייט דאָס אין אַמעריקע) און אפֿילו אָרטאָדאָקסן אין פּוילן זין פֿון וואָרט. זייער אמונה אין גאָט איז געווען שטאַרק, אָבער זייער אמונה אין מענטשן, אויטאָריטעטן, איז געווען פֿול מיט ספֿקות. ס׳האָט אַנדערש נישט געקענט זײַן. זיי האָבן געמוזט זען די סתּירות פֿון שטרענגן רעליגיעזן קוק, די מענטשלעכע שוואַכקייטן און נאַרישקייטן וואָס באַגלייטן אַלע רעליגיעס און אויך די ייִדישע. הלל און אהרן זענען פֿאַקטיש געווען גאָט-זוכער, נישט גאָט-געפֿינער. זייער גאָט איז געווען אַ שווײַגער, נישט אַ רעדער, אַ קיין מאָל נישט באַשיידט רעטעניש. אויב מעשׂים זענען זײַן שפּראַך, איז דאָס אַ שפּראַך אַזאַ גרויסע, אַזוי פֿול מיט אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער און באַגריפֿן, אַז מען קען זי קיין מאָל נישט דערלערנען. ביידע, פֿאָטער און זון, האָבן זיך וויל אָפּגעגעבן אַ חשבון וועגן דעם דאָזיקן גײַסטיקן מצבֿ זייערן, אָבער אַרויסקומען און זאָגן דאָס אָפֿן האָבן זיי נישט געקענט, ווײַל דאָס וואָלט געהייסן גיסן אייל אויף דעם פֿײַער פֿון די אַטייִסטן. דער דאָזיקער ווידערשפּרוך איז אין אַ זין די קללה פֿון יעדן מאָדערנעם רעליגיעזן דענקער, סײַדן ער האָט דעם מוט צו זאָגן אָפֿן: מײַן גאָט האָט זיך צו קיינעם נישט אַנטפּלעקט; איך ווייס נישט וואָס ער איז און האָב נישט קיין אַנונג וואָס ער וויל. מײַן גאַנצע רעליגיעזיטעט איז נישט מער ווי אַ פּרוּוו צו טרעפֿן עפּעס, וואָס לאָזט זיך נישט טרעפֿן, אַ שטענדיק טאַפּן אין דער פֿינסטער.... די צייטלינס האָבן דאָס נישט געקענט זאָגן, ווײַל עמאָציאָנעל זענען

זיי געווען צוגעבונדן צו ייִדישקייט מיט טויזנט פֿעדעם. אהרן צייטלין האָט אין זײַנע לידער געהאַלטן אין איין פֿאַרענטפֿערן דעם רבונו-של-עולם, אין איין פּרוּוו אויפֿווײַזן, אַז ער איז אַ גאָט פֿון חסד און רחמים הגם ער האָט צוגעלאָזט צום היטלער-חורבן. צייטלין האָט נישט געקענט צולאָזן אויף קיין רגע אַז גאָט איז גלײַכגילטיק אָדער, חלילה-וכס, אויף דער זײַט פֿון די רוצחים. אהרן צייטלינס גאָט האָט געליטן אין די קאָנצענטראַציע-לאַגערן פֿון היטלער, ער איז געזעסן אין סטאַלינס תּפֿיסות. ער איז אַ גאָט אַ ייִד, אַ גאָט וואָס האָט פֿאַרבראַכט צוויי טויזנט יאָר אין גלות.

דער לייענער וועט געפֿינען די אַלע ווידערשפּרוכן און אילוזיעס און פֿאַרענטפֿערונגען פֿאַר גאָט אין די דאָזיקע עסייען, וואָס יעדער פֿון זיי איז אַ מוסטער פֿון לאָגיק, סטיל, אויסגעהאַלטנקייט. עס איז נישט די שולד פֿון אהרן צייטלין וואָס גאָט פֿאַרבאָרגט זײַן פּנים. אָן דער דאָזיקער פֿאַרבאָרגעניש וואָלט נישט עקזיסטירט קיין בחירה און די גאַנצע באַשאַפֿונג פֿון מין מענטש וואָלט געווען אַן אומזין. נישט צו זײַן אויף דעם צד פֿון תּוהו-ובֿוהו, האָט אהרן צייטלין געמוזט באַשאַפֿן גאָט לויט זײַן, צייטלינס פֿורעם -- אַ גאָט פֿון גערעכטיקייט, חסד ; אַ גאָט וואָס קען באַלוינען פֿאַר אַלע לײַדן און וואָס זײַן וועזן איז חכמה און גנאָד.

Transcription: Leah Krikun
Conversion: Refoyl Finkel
Copyediting: Leonard Prager
Mirl Schonhaut-Hirshan
Noyekh Miller